**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/30/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו באשיצן ניו יארקער פון לעד אויסגעשטעלטקייט אין קריסטמעס און האָלידעי באצירונגען

***לעגיסלאציע (S.05675a/A.4522a) פאדערט ווארענונג לעיבעלס פאר לעד באדעקונגען געניצט אין סעזאנעלע און באצירנדע באלייכטונג פראדוקטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.05675/A.4522) אלס געזעץ צו באשיצן ניו יארקער פון זיין אויסגעשטעלט צו לעד פון קריסטמעס לעמפלעך און אנדערע האָלידעי באצירונגען דורך פארלאנגען א ווארענונג לעיבעל פאר געוויסע פראדוקטן וואס ניצ לעד-באזירטע עלעקטרישע שטריק האלטער. די לעגיסלאציע טייטשט אויס סעזאנעלע און באצירנדע באלייכטונג פראדוקטן און פארלאנגט א ריכטיגע ווארענונג לעיבעל, און פאדערט אן שטראף אפצאל פאר סיי וועלכע פאבריצירער וואס וועט פארלעצן דער לעגיסלאציע.

"אזוי ווי מיר באצירן אונזערע היימען פאר די האָלידעיס, זאלן ניו יארקער זיך נישט דארפן זארג וועגן בטעות אויסשטעלן קינדער און באליבטע צו לעד פארגיפטיגונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די לעגיסלאציע איז אן איינפאכע, פשוט-שכל'דיגע וועג צו האלטן ניו יארקער זיכער בשעת מיר נעמען אנטייל אין באליבטע האָלידעי טראדיציעס. לאמיר האבן א זיכערע, געזונטע און פרייליכע האָלידעי סעזאן."

דער נייער געזעץ טייטשט אויס "סעזאנעלע און באצירנדע באלייכטונג פראדוקט" (SADLP) און פארלאנגט אז יעדע SADLP וואס ווערט פאבריצירט, פארקויפט אדער אויסגעטיילט אין ניו יארק סטעיט וואס האט אן עלעקטרישן שטריקל האלטער אין וועלכע סע קען זיך געפונען א מאס לעד איבער 100 טיילן פער מיליאן מוזן האבן א ווארענונג לעיבעל מוז שטיין דערויף, *"ווארענונג: באהאנדלען די באדעקטע עלעקטרישע דראט פון דעם פראדוקט קען אייך אויסשטעלן צו לעד. וואשט אייך גוט די הענט נאכ'ן ניצן."* סיי וועלכע פאבריצירער וואס פארלעצט דאס וועט זיין אויסגעשטעלט צו א שטראף אפצאל פון 500 דאלער.

באצירנדע און סעזאנעלע האָלידעי לעמפלעך זענען געוויזן געווארן צו פארמאגן פאטענציעל שעדליכע מאסן לעד. עטליכע זעלבסטשטענדיגע שטודיעס, וועלכע האבן נאכגעפאלגט די קאנסומער פראדוקט זיכערהייט קאמיסיע'ס (CPSC) סטאנדארט אפוויש טעסט צו זען וויפיל לעד וואלט אראפגעקומען פון עמיצן'ס הענט, אנטפלעקט אז געוויסע ברענדס פארמאגן מער ווי 30 מאל די מאס וואס רעגולאטארן ערלויבן אין קינדער פראדוקטן. איין 2008 שטודיע, געדרוקט אין דער דזשורנאל פון ענווייראנמענטאלע געזונטהייט, האט געפונען אז באלד אלע באלייכטונג סעטס וואס זענען גע'טעסט געווארן האבן געהאט לעד איבער די מאס פון די ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור'ס באגרעניצונג פון פיר פענצטער און די פלאָרס.

זיין אויסגעשטעלט צו לעד איז אפטמאל באוויזען געווארן צו פאראורזאכן ערנסטע געזונטהייט פראבלעמען, אריינגערעכנט אנגרייף אויפ׳ן מוח און צענטראל נערוון סיסטעם, הארץ און קידני קראנקהייט, רעדוצירטע פרוכפער פעאיגקייטן און דעפרעשען און שווערע קאנסעקווענצן פאר קינדער. לויט דער ׳וועלט געזונטהייט ארגאניזאציע׳ (WHO) איז נישט דא קיין אומשעדליכע בלוט שטאפל קאנצענטראציע. טראצדעם וואס דער פעדעראלער געזעץ פארבאט דאס פארקויפן און פאבריצירן לעד אין הויז פארב און גאזאלין און ניו יארק פירט אויך שטרענגע באגרעניצונגען בלויז אויף פעינט אויף קינדער טאויס און מעבל און געוויסע גלעזערנע טישווארג, דאס פארקויפן פון די מערהייט פון אנדערע קאנסומער פראדוקטן וואס פארמאגן לעד איז נישט אזוי שטרענג רעגולירט.

האָלידעי און באצירונג לעמפלעך, די מערהייט פון וועלכע ווערן געשאפן אין אויסלאנד, האבן לעד צוגעלייט צו באדעקטע דראטן צו האלטן די פלאסטיק פון קראכן און סערווירן אלס א פייער אפהאלט. אזוי ווי לעד איז נישט גרייט איינגזאפט דורך די הויט, איז אבער די הויפט זארג וואס אנבאלאנגט אויסגעשטעלטקייט שטאַמט פון אראפשלינגען די קליינע מאס וואס ווערט איבערגעלאזט אויף די הענט פון דעם מענטש נאכ׳ן באהאנדלען די באלייכטונגען. דער ביל וועט פאדערן אז סיי וועלכע פראדוקטן וואס פארמאגן לעד, פארקויפט אין ניו יארק סטעיט, זאלן האבן אן אויסדרוקליכע ווארענונג לעיבעל וואס ראט אז דער פראדוקט קען אויסשטעלן דעם קאנסומער צו די סובסטאנץ מיט קלארע אנווייזונגען צו וואשן די הענט.

**סטעיט סענאטאר עליידזשע רייכלין-מעלניק האט געזאגט,** "באצירן פאר די האָלידעיס זאל קיינמאל נישט שטעלן אין געפאר אייער פאמיליע, אבער פילע באצירנדע פראדוקטן פארמאגן לעד אין מאסן וואס זענען שעדליך סיי צו קינדער און סיי צו ערוואקסענע. לעד איז ארויסגענומען געווארן פון גאזאלין, קאלער, און צענדליגע אנדערע הויזגעזינד פראדוקטן אין די לעצטע 5 צענדליג יאר צוליב דעם וואס עס איז גיפטיג און טוט אומפאררעכטבארע שאדן צו אנטוויקלענדע מוחות."

**אסעמבלי-מיטגליד סענדי גאלעף האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז לעד טוט שעדיגן אונזער געזונט און מיר מוזן נעמען אלע שריטן וואס מיר קענען צו באגרעניצן איר באניץ. דער נייער געזעץ איז א טריט צו טון גענוי דאס, און עס סערווירט אויך צו אויסשולן אונזערע קאמיוניטיס איבער ווי אפט עס געפונט זיך לעד אין טאג-טעגליכע פראדוקטן מיט וואס מענטשן באצירן פאר די האָלידעיס. איך דאנק סענאטאר רייכלין-מעלניק פאר זיין צוזאמענארבעט אויף די לעגיסלאציע און פאר גאווערנער האקול פאר׳ן אנערקענען איר וויכטיגקייט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן